לאַזאַר לובאַרסקי

ווילנער פּראָגראַם פון ייִדישער שפּראַך און קולטור

דער ווילנער ייִדישער אינסטיטוט בראש מיט פּראָפ' דוד קאַץ און דעם באַוווּסטן ישׂראלדיקן שוישפּילער, זינגער און געזעלשאַפטלעכער טוער מענדי קאהן, עקזיסטירט שוין אַ 7-8 יאָר. איך האָב געהאַט דעם גליק זיך צו באַטייליקן היי-יאָר אין דעם יערלעכן פּראָגראַם אין אויגוסט. דאָס איז געווען אַ גאַנצער חודש



פון בלויז ייִדיש: רעדן, לייענען, שרייבן, זינגען, לאַכן, וויינען, אָטעמען, דערמאָנען זיך... ייִדישער גייסט, אַ חודש אין אַן אמתן ייִדיש-לאַנד.

ס'זיינען געווען 80 אָנטיילנעמער פון 20 לענדער: געלערנטע, דאָקטאָראַנטן, סטודענטן, פאָרשערס און פּשוט ליבהאָבערס פון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. און אויך נישט-יידן: פון כינע, דייטשלאַנד, שפּאַניע, איטאַליע, האָלאַנד, אַ נעגער פון פראַנקרייך. אגב, די כינעזישע פּראָפעסאָרין חואַנג ליגי יז האָט שוין אַרויסגעגעבן אין כינעזיש פיר ביכלעך וועגן יודאַיִזם.

צוויי דריטלעך פון די אָנטיילנעמער זיינען געווען יונגע לייט אין עלטער פון 20-30 יאָר פון אייראָפּע און אַמעריקע, איבערגעגעבענע צו ייִדיש און ייִדישקייט. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן פולשטענדיק מיט די פּראָבלעמען פון אָפּהיטן און פּאָפּולאַריזירן דעם גרויסן גייסטיקן אוצר פון אונדזערע אורעלטערן - די חלוצים פון ארץ-ישׂראל-אויפלעב.

די וויסנשאַפטלעכע אָנפירערס פון דעם פּראָגראַם - אָנגעזעענע לעקטאָרן פון אוניווערסיטעטן, און צווישן זיי איינער פון די בעסט באַוווּסטע היינטצייטיקע ייִדיש-קענער - פּראָפעסאָר יצחק ניבאָרסקי פון פּאַריז.

די ערשטע העלפט פון יעדן טאָג האָט איינגעשלאָסן אינטענסיווע אַקאַדעמישע לימודים. דער צווייטער טייל - טעמאַטישע סעמינאַרן, לעקציעס, דורכקוק פון פילמען, עקסקורסיעס צו באַזוכן פלעצער פון אַמאָליקן אויפבלי און פון דער טראַגעדיע פונעם ייִדישן לעבן אין ליטע.

פאַרוואָס דווקא ווילנע און ליטע?

דערפאַר, וואָס ווילנע האָט זיך אַמאָל דערהויבן צו דער מדרגה פון "ירושלים- דליטא"; דערפאַר, וואָס אין ווילנע איז יעדער טראָט, יעדער שטיין איינגעטונקט אין ייִדישקייט און אין ייִדישן בלוט; דערפאַר וואָס ליטע האָט געבראַכט דער ייִדישער וועלט גאונים, גרויסע רבנים, דיכטערס, שרייבערס, דענקערס, טעאַטראַלע טאַלאַנטן, מוזיקער, וויסנשאַפטלער.

וואָס האָט אונדז געגעבן דער "ווילנער פּראָגראַם"? קענטעניש אין דער ייִדישער שפּראַך, אַזוי פיל, וויפל יעדער איינער האָט נאָר געקאָנט איינזאַפּן אין זיך; הויכע געפילן לגבי דער פאַרגאַנגענהייט און לגבי דעם ווידערשטאַנד פון די ייִדן אין די געטאָס פון ליטע אין צייט פון דער שואה; געטריישאַפט צום "נצח ישׂראל לא ישקר"; ענערגעטישן אָנלאָדן פאָרצוזעצן דעם "גאַנג אין דער ייִדיש-וועלט"; אַ ברייטן און טיפן בליק אויף דענקען, לערנען און לערנען זיך אַליין. מען האָט באַהאַנדלט אין משך פון דעם חודש ווערק פון זייער פיל שרייבערס און פּאָעטן: משה נאַדיר, חיים גראַדע, לייזער וואָלף, שמואל ניגער, שמואל יוסף פין, לייבניידוס, דוד איינהאָרן, דניאל כוואָלסאָן, אייזיק מאיר דיק, משה קולבאַק, איזי כאַריק. פיל ווערק, וואָס זיינען, אָנהייבנדיק פון דער השׂכּלה (סוף 18טן י"ה) און ביז דעם חורבן, געווען באַגלייך מיט די ווערק פון אונדזערע דריי קלאַסיקער, דער גייסטיקער באָדן פאַר מיליאָנען ייִדן.

ס'איז אַ פאַרדראָס אַז די נעמען פון אייניקע מחברים, וואָס איך האָב אָנגערופן, זיינען ווייניק באַוווּסט און אין אַנדערע ליטעראַטורן זיינען אַריין נאָר איינצלנע ווערק, אַ דאַנק צופעליקע געשעענישן אָדער סוביעקטיווע איבערזעצערס. דעם ישׂראלדיקן לייענער זיינען זיי אומבאַקאַנט, כאָטש אין די ענציקלאָפּעדיעס האָט מען זיי איינגעשלאָסן. צי קאָנען אָבער קורצע שורות פאַרבייטן דעם געניעם וויסן וועגן די דאָזיקע אייביקע ווערטן? און ס'ווילט זיך פרעגן: ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן איגנאָרירן אַזעלכע נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס?

אָבער, לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע. ווי געזאָגט, זיינען אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט פון דעם פּראָגראַם, געווען די עקסקורסיעס, וועלכע האָבן אויפגעדעקט דעם אַמאָליקן אויפבלי פון דעם ייִדישן לעבן אין ליטע און באַוויזן וואָס עס איז פון דעם איבערגעבליבן.

אין די דרייסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָבן פונקציאָנירט עטלעכע לערער-סעמינאַרן, דער באַוווּסטער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט ייוו"אָ, פאַרשיידענע שול-נעצן אויף ייִדיש און העברעיִש, צענדליקער ישיבות, הונדערטער שילן און קלויזן, פאַרלאַגן און דרוקערייען באַרימטע איבער דער גאָרער וועלט, פאָלק-טעאַטערס, צייטונגען, צייטשריפטן. די ייִדישע באַפעלקערונג אין ליטע האָט באַטראָפן אַרום 250 טויזנט פון די 2 מיליאָן אַלגעמיינער באַפעלקערונג און זי האָט געוווינט קאָמפּאַקט אין שטעט און שטעטלעך. די ייִדן האָבן געהאַט זייערע אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכער זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

ווילנער פּראָגראַם
פון ייִדישער שפּראַך און קולטור
ווילנער ייִדישער אינסטיטוט
Vilnius Yiddish Institute

עס ליגט פאַר מיר אַ בראָשור, אַן אַרויסגעגעבענע אין קאָוונע, אין יאָר 1920: "די ייִדישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ליטע", אַרויסגעגעבן דורך דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַט (מחבר: ל. גאָרפונקעל). דאָס איז אַ סכעמע פון אַ פּראָיעקט וועגן אָנערקענען די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור-אויטאָנאָמיע. דער פּראָיעקט איז נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעץ, צוליב די באַקאַנטע היסטאָרישע און פּאָליטישע טענדענצן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן אין ליטע.

די ייִדישע געמיינדע האָט געלעבט און זיך אויטאָנאָם אַנטוויקלט ביזן יאָר 1940. די סאָוועטישע מאַכט האָט, פון זומער 1940 אָן, אָנגעהויבן ניוועלירן די ייִדישע אייגנאַרטיקייט אין דעם "נאַציאָנאַלן לויט דער פאָרם פון סאָציאַליסטישן אינהאַלט" קעסל; און מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די נאַציס, אָקופּירנדיק ליטע, אָנגעהויבן פיזיש פאַרניכטן די ייִדישע באַפעלקערונג - צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע מיטהעלפערס, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַש 220 טויזנט ייִדן.

און אָט ווי עס זעט היינט אויס די "ייִדישע ליטע": עס וווינען אין איר אַן ערך 3 טויזנט ייִדן (פון די 20-30 טויזנט לעבן-געבליבענע, אייניקע פון וועלכע האָבן זיך געהאַט אומגעקערט: פאַרטיזאַנער און פראָנט-קעמפער, עוואַקויִרטע און איינצלנע אָפּגעראַטעוועטע ביי די חסידי אומות העולם). ליטע איז פאַרזייט מיט ברידער-קברים פון פאַרברענטע און צעשאָסענע; מען זעט עטלעכע צענדליקער מעמאָריאַל-טאָוולען, מעמאָריאַל-שטיינער, דענקמעלער; געבליבן אייניקע נעמען פון גאַסן אין ווילנע: "Gaono" - דעם גאונס געסל, נאָכן ווילנער גאון ר' אליהו בר שלמה זלמן, "Žydu" - ייִדישע גאַס; מעמאָריאַל-קאָמפּלעקסן - דער "9-טער פאָרט" און "פּאָנאַר"; דער ייִדישער מלוכה-מוזיי, דער מוזיי סוגיהאַראַ - געווידמעט דעם יאַפּאַנער קאָנסול אין קאָוונע פון יאָר 1941, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן ייִדן 6,000 וויזעס און קאָאָרדינירט מיטן ראַטנפאַרבאַנד זייער דורכפאָרן קיין ווייטן מזרח (צווישן די גערעטעוועטע איז געווען, אגב, די באַוווּסטע סלאָבאָדקער ישיבה, וועלכע עקזיסטירט אויך היינט אין בני-ברק); אַ סקעלעט פון אַ פאַרברענטער שול אין זשעזמער - אַמאָל אַ ייִדיש שטעטל, היינט אָן ייִדן (אַ סך אַזעלכע שטעטלעך זיינען דאָ אין ליטע); אַלטע, צווישן זיי פיל פאַרלאָזטע, בתי-עלמין...

דער רעפּאָרטאַזש וועגן דעם ווילנער פּראָגראַם וואָלט נישט געווען פול, ווען מען זאָל נישט באַצייכענען דעם פערזענלעכן בייטראָג פונעם פּאָרזיצער פון ווילנער ייִדישן אינסטיטוט, מענדי קאהן, אפילו חוץ זיין אַרבעט אַלס אָנפירער. ער פלעגט באַווייזן בייצוזיין אין אַלע קאָמפּאָנענטן פונעם פּראָגראַם און האָט שטענדיק אַריינגעטראָגן זיין אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט. ער האָט אָנגעפירט מיט די עקסקורסיעס, מיטן דעמאָנסטרירן פילמען, מיטן אָרגאַניזירן טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן (אגב, מיט זיין אייגענער באַטייליקונג), באַגעגענישן מיט דער געזעלשאַפטלעכקייט, קבלות-שבת (אַזוי גערופענער "שבת-טיש") און הבדלות. ער קען גוט ייִדיש, העברעיִש, ענגליש, פראַנצויזיש און ער איז אַ גרויסער קענער פון ספרי-קודש און גמרא, אַ גלענצנדיקער אויספירער פון ייִדישן פאָלקלאָר, טראַדיציאָנעלע ניגונים און חזנות. און דאָס אַלץ אויף אַ הויכן קינסטלערישן און קולטורעלן ניוואָ. אָן ספק איז מענדי קאהן היינט צו טאָג איינער פון די פּראָמינענטסטע געזעלשאַפטלעכע שעפערישע פערזענלעכקייטן אין דער ייִדישער וועלט און אין ישׂראל, ווו ער האָט מיט 7 יאָר צוריק אויפגעשטעלט זיין פאַרבאַנד "יונג ייִדיש".

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער ווילנער ייִדישער אינסטיטוט גרייט שוין אַ פּראָגראַם פאַר דעם קומענדיקן יאָר, 2005.